# און ער מאָנט

און לוי יצחק פון באַרדיטשעוו
האָט נאָך האַלבער נאַכט געטענהט:

וואָס ווילסטו פון די בלינדע קינדער,
(אַ בלינד קינד איז אויך אַ קינד)
וואָס זעען זייער עלנט,
זעען ניט דעם טאַטן,
פאַרווייִנען זייער לעבן,
טרעפן ניט דעם וועג?

וווּהין גייט אַ מענטש ביי נאַכט? —
צו דיר.
און טאָמער האָט ער שלעכט פאַרבלאָנדזשעט,
שלענדערט זיך אַהיים אַ בלאַסער,
פאַר וועמען שעמט ער זיך? —
פאַר דיר.
הייס בלוט זידט: צו דיר.
טרערן לויפן שנעל: צו דיר.
און דו — — — —
אין זיבן בלויקייטן פאַרוויקלט,
ביים שענסטן סוף פון לעצטן הימל
זיצסטו אַ פאַרעקשנטער
און וואַרטסט — אויף וואָס?
זעסטו ניט, ווי אַלע שטעט
טרויערן ביי נאַכט?
הערסטו ניט, ווי זינדיקע
פאַרשעלטן זייער נאַכט?

פילסטו ניט, ווי יעדער שטיין
פיבערט, רייסט זיך פון דעם ברוק
אַרויף, אַרויף צו דיר?
און דו —
שוויַיגסט!
ביי וועמען ווילסטו אויספירן,
שטאַרקער, שטאַרקער גאָט?
וואָס רייצסטו זיך מיט קראַנקע קינדער?
דו ליידסט דאָך מער פון זיי.
דיין אייביקייט באַקומט דיר ניט:
גיט אַ מענטש אַמאָל אַ קרעכץ,
פאַרשטאָפּסטו זיך די אויערן
מיט דיקע שטיקער וואָלקן
און הערסט ניט ווי די שטערן זינגען...
דיר איז ערגער, גרויסער גאָט,
און ווילסט זיך אַלץ ניט אונטערגעבן?
נו, ווען לוי יצחק פון באַרדיטשעוו
מיט דיר האָבן אַ דין־תּורה:

אז אַ יידן פאַלן אַראָפּ די תּפילין
הייבט ער אויף און גיט אַ קוש.
געפאַלן זענען דיינע קינדער,
קלוגער טאַטע, דו ווייסט פאַר וואָס:
דער וועג איז באַרג־אַרויף געווען,
דער וועג איז באַרג־צו־דיר געווען,
אַזאַ מהלך הייס און הויך,
אַזאַ מין וויַיטקייט הויך און הייס,
פירן וועלדער צו דעם באַרג,
צינדן זיך די ביימער אָן,
שפּריצט אַריין אַ פונק אין אויג,
פאַלט מען בלינדערהייט אַראָפּ...

און אַ פּשוט יידל פירט זיך:
אויב הייליקייטן פאַלן אַראָפּ,
הייבט מען אויף מיט אַ קוש.
און דו וואַרטסט — אויף וואָס?
וואָס האָסטו זיך איינגעשפּאַרט?
דו ליידסט דאָך מער פון זיי! —

און לוי יצחק פון באַרדיטשעוו
שטייט און מאָנט נאָכט ביי נאַכט.